בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ע"ח

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


אין התורה מתקיימת אלא במי שממית...
צוגענומען א אמת'ן גוטער חבר
אז מען וועט וועלן רעדן מיט מיר - בין איך דא!
דער חזן דעקט אויף זיין פרצוף...
געגעבן א 'קלא דלא פסיק'
איבערגעלאזט דאס רבנות אין טשעהרין
האסט פון מיר צוגענומען א נאכט

המעתיק - ר' נתן בייטלמאכער
דארטן וועט דיר זיין זייער גוט...
רבו יתיר יסגי - לעילא מן דרגיה!
'מהפכין קערה על פיה'
א מת קען האבן גאות
א 'שעה' פון יציאת נשמה ביז די קבורה!


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו:

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש **2#** ואח"כ **78#**


©

כל הזכויות שמורות



הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**(מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**


כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של **15$** עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# פרשת מטו"מ, תשל"ה

(טייפ מס' 89#)

## אין התורה מתקיימת אלא במי שממית...

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: ר' מאטעלע טשערנאבל'ער ליגט דארטן אין א דערפל ערגעץ לעבן קיעוו![א]) **אזוי? דער 'רַב'** (בעל התניא) **ליגט אין א דארף לעבן פאלטאווע** (בכפר 'האדיטש' השוכן בפלך פולטובה), **אין א דארף ליגט דארטן דער רַב מיט די טאכטער צוזאמען.**

❖

(רח"ש: ר' נתן האט געזאגט פאר ר' נחמן טולטשינער ער זאל זיך מיטנעמען א שטעקן ביים 'הניעור בלילה'?[ב]) (ר' נחמן בורשטיין: ער זאל מיטנעמען א שטעקן צו פארטרייבן די הינט!) **הינט? אסאך פרייע הינט דא דארטן.**

(רח"ש: ר' נתן האט דערציילט א מעשה מיט פחדנים?) **עס איז געווען היידמאקעס, רוצחים, רויבערס[ג].** (רנ"ב: דער רבי האט געזאגט אז אפילו ער ווען האט א בן יחיד וואלט ער אים געשיקט יחידי[ד]).

---

[א] אנטיוועקע.

[ב] כך כתב בשיחות שנדפס בביאור הלקוטים ע"י רבי שמואל הורביץ, וזל"ש: 'מוהרנ"ת ציוה לרבי נחמן מטולטשין, שיקח איתו מקל כשילך לקיים זאת!'

[ג] עי' שיש"ק ח"ג, תר"ט: "כשדיבר פעם מוהרנ"ת מהתורה 'הניעור בלילה' (בליקו"מ קמא סי' נ"ב) ומענין היציאה חוץ לעיר להתבודדות, אמרו לו כמה מאנ"ש שהם יראים לצאת להתבודדות. סיפר להם מוהרנ"ת מעשה, שפעם התנפלו שודדים המכונים 'אידימאקעס' על איזו עיר, וברחו כל תושבי העיר, ובין הבורחים היה איש אחד שהיה ידוע בין התושבים לפחדן גדול מאד, וכשברח התחבא בבית הקברות, ושהה שם כל הלילה. למחרת כששבו הבורחים לעיר, שאלוהו ידידיו: 'איך לא פחדת להישאר לבד בבית הקברות כל הלילה?', והשיב להם: 'השודדים הטילו עלי אימה כזו - עד ששכחתי שפחדן אני...'. וסיים מוהרנ"ת ואמר שכמו"כ הוא בעבודת השי"ת, וכמובא בזוה"ק (שלח קנח:): "מאן דאיהו בדוחק - לא מסתכל על שום מעכב; כי כשמרגישים את הפחד והיראה מיום הדין הקרב ובא, מתבטלים כל הפחדים הגשמיים!".

[ד] עיין כוכבי אור אנשי מוהר"ן, אות ט, וזל"ש: "דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מֵהַדֶּרֶךְ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה שֶׁגִּלָּה אַדְמוּ"ר זַצַ"ל וְאָמַר אָז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, עוֹד יִהְיֶה זְמַן שֶׁיִּהְיֶה הַדֶּרֶךְ הַזֶּה דֶּרֶךְ כְּבוּשָׁה לָרַבִּים (כְּמוֹ עַכְשָׁו הִיא דֶּרֶךְ כְּבוּשָׁה לָרַבִּים לְהַנִּיחַ טַלִּית וּתְפִלִּין בְּכָל בֹּקֶר), וְאוֹדוֹת הַפְּחָדִים שֶׁיֵּשׁ בָּזֶה, אָמַר שֶׁעַל זֶה נֶאֱמַר מַה דְּאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת שְׁלַח) בְּעִנְיַן הֲלִיכַת כָּלֵב לְחֶבְרוֹן לְהִשְׁתַּטֵּחַ עַל קִבְרֵי הָאָבוֹת, וְלֹא נִתְיָרֵא מֵהָעֲנָקִים וְאִיתָא שָׁם עַל זֶה, "מָאן דְּאִיהוּ בְּדוֹחֲקָא לָא אִסְתַּכַּל מִידֵי, כָּךְ כָּלֵב בְּגִין דַּהֲוָה בְּדוֹחֲקָא לָא אִסְתַּכַּל מִדֵּי, וְאָתָא לְצַלָּאָה עַל קִבְרֵי אֲבָהָן" וְכוּ' וְכֵן כָּל אָדָם מִי שֶׁיּוֹדֵעַ וּמְחַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, שֶׁכְּהֶרֶף עַיִן יִפְרְחוּ יָמָיו וְיִצְטָרֵךְ לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן מִכָּל מַעֲשָׂיו וְלֹא יְוַתְּרוּ לוֹ עַל שׁוּם דָּבָר וְכוּ', מִי שֶׁמְּחַשֵּׁב אֶת עַצְמוֹ עַל כָּל זֶה בְּוַדַּאי לֹא יַבִּיט עַל שׁוּם מְנִיעָה מֵהַפְּחָדִים וְכַיּוֹצֵא וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁבֶּאֱמֶת אֵין בָּזֶה שׁוּם פַּחַד כְּלָל כְּמוֹ שֶׁאָמַר אַדְמוּ"ר זַצַ"ל בְּפֵרוּשׁ בְּעֵת שֶׁדִּבְּרוּ לְפָנָיו מִזֶּה, וְאָמַר שֶׁאִם הָיָה לוֹ בֵּן יָחִיד הָיָה מְשַׁלְּחוֹ יְחִידִי בַּלַּיְלָה לַשָּׂדֶה וְלֹא הָיָה חוֹשֵׁשׁ לְשׁוּם דָּבָר! וְאָמַר זֹאת עַל כָּל אָדָם שֶׁאֵין לִפְחֹד כְּלָל מִשּׁוּם דָּבָר, כִּי שְׁלוּחֵי מִצְוָה אֵינָן נִזּוֹקִין (פְּסָחִים ח:).

ר' שמעון'לע, דא (בא״י) האט ער אויך געוואוינט חוץ פון צפת מער, אונטערן שטאט האט ער געוואוינט[ה]. ער איז געווען א געוואלדיגער גיבור, (התנפלו עליו שודדים ערביים -) איינמאל האט ער זיך מתגבר געווען אויף זיי; נאכדעם (בפעם אחרת) - זיי זענען געווען אסאך און זיי האבן אים געשלאגן, ער איז קראנק געווארן און נפטר געווארן.

ביי אים איז מקויים געווארן (מה שדרשו חז״ל[ו] על הפסוק[ז] ״אדם כי ימות באהל״:) ״אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה!״.

רבי נתן האט אויף אים געזאגט: 'ביי ר' שמעון'לען איז מקויים געווארן 'אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה'!'

❖

(רח״ש: עס זענען געקומען אהער אנדערע תלמידים אויך?) אנדערע תלמידים ווייס מען נישט צו זיי זענען געווען אין ארץ ישראל; רבי נפתלי האט געוואלט זיין[ח] - ער איז נישט געווען, און ר' אהרן דער רב - ווי ווייט ווערליג מיר ווייסן איז קיינער נישט געווען. נאר רבי נתן און ר' שמעון'לע. ר' נחמן טולטשינער ווייס מען אויך נישט צו ער איז געווען צו נישט!

(רח״ש: דער טשעהרינער רב איז יא געווען!) יא, עס שטייט[ט].

עס איז געווען א מסירות נפש (לנסוע בימים ההם), עס איז געווען א מסירות נפש בגשמיות - און ברוחניות אויך. עס איז נישט געווען אזוי ווי היינט; מען פארט קיין מירון אין א דריי-פיר שעה - און שוין. עס איז געווען די שיפעלעך - יענע שיפעלעך געווען; עטליכע וואכן אפגעלעגן, צובראכן, און די תערובות דארטן פון די אראבקעס - אזוי ווי א קאשע מיט מילך אויסגעמישט...

---

[ה] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר״ן, י״ז.

[ו] ברכות סג:

[ז] ויקרא יט, יד.

[ח] עיין ימי מוהרנ״ת חלק שני, י״ג: ״וַאֲנִי יָדַעְתִּי מִכְּבָר שֶׁרַבִּי נַפְתָּלִי נֵרוֹ יָאִיר יֵשׁ לוֹ כִּסּוּפִין גְּדוֹלִים לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶה זְמַן רַב וְתֵכֶף שֶׁשָּׁמַעְתִּי זֹאת נִתְלַהֵב לִבִּי לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְהִתְחַלְתִּי לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת אוּלַי אֶזְכֶּה לִנְסֹעַ עִם רַבִּי שִׁמְעוֹן הַנִּזְכָּר לְעֵיל יַחַד לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל״.

[ט] עי' עלים לתרופה מכתבי ר' יצחק, י״ג: אָמַרְתִּי לְהוֹדִיעָם מִשְּׁלוֹמֵנוּ הַטּוֹב, אֲשֶׁר בְּיוֹם ג' בְּחֻקֹּתַי בָּאתִי יַחַד עִם הָרַב דְּמַחֲנֵנוּ (מטשעהרין) וְעִם יְדִידֵנוּ הָרַב יַעֲקֹב נֵרוֹ יָאִיר בֶּן רַבִּי צְבִי לְפֹה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן... הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ לְקַבֵּל אֶת הֶחָג הַקָּדוֹשׁ הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, וְנִזְכֶּה לְקַבֵּל הַתּוֹרָה לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם לָגִיל וְלָשִׂישׂ בְּאוֹרָהּ. דִּבְרֵי יְדִידָם אוֹהֲבָם מֵאָז אַבְרָהָם אַבָּא רַאבִּינָאוִויטְשׁ מִטְּשֶׁעהְרִין.

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דערציילט, ער איז אמאל ארייגעגאנגען אין יפו אין די שיף, האט ער א קוק געגעבן וואס דארטן טוט זיך - אין איסטאנבול האט מען געביטן דארטן די שיפן - האב איך געעפענט דעם ליקוטי מוהר"ן און איך האב אים געענדיגט אין אדעם!

עס איז אזעלכע מענטשן געווען, נישט נאר בגשמיות - ברוחניות האט מען געדארפט זיין גיבורים! גיבורי כח! מען זעהט דאך, ווער איז געפארן אלע יאר (מארץ ישראל בימים ההם) אויף ראש השנה? רבי אפרים ר' נפתלי'ס` און ר' אברהם ר' נחמן'ס! ר' מאיר טעפליקער - איינמאל אין צעהן יאר! און ר' נחמן רעוואוצקער איז געווען, עס איז געווען גדולים דא. אפילו ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס (נסע רק ג' פעמים לראש השנה מא"י[יא]), ער שרייבט: קראנק קראנק![יב] (אחד הנוכחים: ער ווינטש זיך די אלע יארן צו פארן!)

❖

## צוגענומען א אמת'ן גוטער חבר

דא איז איינער געווען - ער פלעגט קומען אויף ראש השנה. ער איז געווען אין א אלט-הויז, ער איז דא געווען אין תלפיות - אבער איידער ער איז געקומען אהערצו איז ער געווען אין פרדס חנה. ער איז געווען מיט א אלטן איד, ער איז געקומען עטליכע יאר צו פארן מיט דעם אלטן איד אויף ראש השנה (לירושלים). ער האט געזאגט אז ער איז אן אייניקל פון ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס. ער איז א רומעניע'ר, ער האט געזאגט דעם יחוס, האט מען געזעהן עס איז ריכטיג. ער האט דערמאנט ר' ישראל'ן אויך - ר' ישראל טיראהוויצער - ר' ישראל כאנאראד - דעם איידעם אויך![יג]

❖

---

[י] עיין מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה מכתב קנ"א וז"ל: "אוי ומר על שברינו המר והמרור - ששמעתי בזה הרגע מהסתלקות הצדיק החסיד ר' אפרים זכותו יגן עלינו, אוי לי, וי לי, אוי אוי לי על צנא מלא דספרא - אשר מסר נפשו בשביל להיות על ראש השנה של הצדיק..."

[יא] עי' בתולדותיו שנדפס בסוף ספר 'מכתבי ר' נתן בר"י' - שע"י הוצאות קרן ר' ישראל דוב אודסר.

[יב] עיין מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה מכתב ק"ע וז"ל: "ותדע אחי ידידי שבדעתי היה להכין עצמי לשבר המניעות לנסוע על ראש השנה, אך מחמת שזוגתי תחיה בחולשתה מאוד - זה המניעה הגדולה אצלי מכל המניעות; כי יש לי מניעות גדולות הרבה, אבל זה מונע אותי ביותר, כי על מי מניחין אותה?! כי זה שנה ומחצה שנחלשה, לא עבר עליה שבוע אחד שיהיה בשלימות בריאותה..." ועיין עוד במכתב קט.

[יג] ר' ישראל ב"ר חיים הכהן ז"ל, מהכפר חאנאראד ליד טיראוויצע - חתן ר' נתן ב"ר יהודה.

ר' אהרן דער רב האט געזעהן א פלאץ פאר זיך אינמיטן פעלד (בית החיים) - פאר זיך און פאר ר' נתן'ען.

און אז ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס האט געהערט פון ר' נתן'ען - רבי נתן האט געזאגט: **'אז מען וועט דורכפירן א נפטר דורך אים, וועט עס זיין פאר אים** (לנפטר) **א טובה!'** (רנ"ב: וועט ער אים א טובה טוהן; צו עס וועט זיין פאר אים א טובה?) **עס וועט זיין פאר אים א טובה!** -

האט ער זיך מיישב געווען - אז ר' נתן וועט ליגן אינמיטן פעלד וועט מען דאך נישט דורכפירן יעדן נפטר, אבער אז ער וועט ליגן אנהויב פעלד וועט מען מוזן יעדן נפטר דורכפירן. איז ער געגאנגען - ר' נתן איז נפטר געווארן פרייטאג פארנאכט - ווי נאר עס איז געווארן מוצאי שבת איז ער באלד אוועק מיט די חברה קדישא: 'דא גראבט!'.

נו, זיי האבן דאך געוואוסט - א תלמיד, האבן זיי אויסגעגראבן די קרקע. עס איז געקומען דערצו (לעת הקבורה): **דאס איז די קבר!**

**האט ער געזאגט - ר' אהרן דער רב: 'איך וועל אים נישט מוחל זיין אי בעלמא הדין אי בעלמא דאתי - האסט ביי מיר צוגענומען אן אמת'ן חבר!'**

(השואל: ער האט נישט מורא געהאט פאר די הקפדה?) **ר' נתן האט אזוי געזאגט: אז עס וועט זיין א טובה פאר דעם נפטר!**

דער ר' נתן ר' לייבעלע ראובן'ס - דער האט געמאכט אז ר' נתן זאל ליגן דארטן - באלד אזוי ווי מען קומט נאר אן (בכניסת הביה"ח).

און דארטן (באמצע הביה"ח) ליגט טאקע ר' אהרן דער רב און ר' הערש לייב דער רב, איינער לעבן אנדערן. ר' הערש לייב דער רב ליגט דערנעבן אזוי ווי עס האט געדארפט זיין ר' נתן'ס!

יעדער דיבור פון ר' נתן'ען איז געשעהן אזוי.

❖

# אז מען וועט וועלן רעדן מיט מיר - בין איך דא!

לעבן ר' נתן'ען ליגט ר' דוד צבי[יד] - ר' נחמן חזן'ס פאטער; ר' נחמן נעמיראווער'ס פאטער. אז איך בין געקומען אהינצו דאס ערשטע מאל - ער איז נפטר געווארן גאר תרע"ג – ווי קומט עס אז אזוי פיל יארן זאל מען נישט לייגן אפילו ר' נתן'ס קינדער? ר' נתן'ס קינדער איז געווען; ר' נחמן[טו] און ר' שכנא[טז] - דער עלטערער זון, קיינער ליגט נישט דארטן, נאר ער ליגט, וואס איז דאס עפעס?

האט ער מיר דערציילט, אז דער דיין פון ברסלב איז דארטן נפטר געווארן, ער איז געווען גאר א מתנגד, האבן זיי געזאגט אז מען זאל אים לייגן לעבן ר' נתן'ען, און זיי האבן אויסגעגראבן א קבר לעבן ר' נתן'ען - טאקע דעם קבר וואו ר' דוד צבי ליגט.

איז געגאנגען איינער - ער איז געווען אונזער א מענטש - איך האב אים געקענט, ער איז געווען אביסל א פלוט (מבוהל) אבער ער האט געטאן אזוי ווי מען דארף.

(השואל: ווי אזוי האט ער געהייסן?) איך געדענק נישט! ער האט צדקה געטיילט אונזערע לייט. ער איז געווען אביסל אזא - נישט קיין קלוגער (רנ"ב: ער האט געוואוינט אין ברסלב?) אין ברסלב!

ער האט געזעהן דאס, גיט ער א שפרונג אריין אין קבר און לייגט זיך אויס - ציעט זיך אויס אינגאנצן: 'אויף מיר לייגט אוועק דעם רב! אויף מיר! אויף מיר וועט איר לייגן דעם רב!' - ער ליגט שוין אויסגעצויגן, מיט אים קען מען גארנישט, אז ער ליגט, ליגט ער. עס האט נישט געהאלפן, מען האט געמוזט גראבן אן אנדער קבר.

נאכדעם איז נארוואס נפטר געווארן ר' דוד צבי, האט מען אים דארטן געלייגט.

(השואל: האט איר געקענט דער וואס האט אריינגעטאנצט?) יא, ער פלעגט מאכן צדקות. ער האט געטיילט אסאך צדקה, ער איז א ווארילער איד געווען, איך האב פארגעסן (זיין

[יד] בנו של ר' שכנא בן מוהרנ"ת

[טו] ר' נחמן שטערנהארץ, בנו הרביעי של מוהרנ"ת, חתן ר' ישראל מליפאוויץ – תלמיד רביז"ל, דר בברסלב, בנו: ר' נתן מדימיטרובקה, חתניו: ר' מרדכי שוחט, ור' חנה לאדיזינער בזו"ר, וראה עוד אודותיו בשיש"ק ח"ב - מן אות תש"ן.

[טז] ר' שכנא שטערנהארץ, בנו בכורו של מוהרנ"ת, נולד בשנת תקס"ג, דר בברסלב, בניו: ר' נחמן, ר' נפתלי הערץ, ור' דוד צבי, וראה עוד אודותיו בשיש"ק ח"ב מן אות תקע"ח.

נאמען), יוחנן געדענקט אים נאך. (השואל: אין ברסלב האט ער געטוהן די צדקות?) אין אומאן, אזוי ווי יוסף ארליך; מאכן געלט, געקומען קיין אומאן - טיילן אונזערע לייט.

(השואל: וואו ליגט ר' יוסף יונה דער זון פון ר' נתן'ען?) אין אומאן! לעבן ר' נחמן חיה'לעס[יז]! ר' נחמן ליגט אין ברסלב, ר' שכנא ליגט אין ברסלב.

אונזערע לייט האבן נישט געוואלט מען זאל לייגן דארט לעבן ר' נתן'ען; מען זאל קענען דארט שטיין; דער קבר זאל זיין פריי ארום און ארום - זאל מען קענען שטיין.

(השואל: ר' נתן האט נישט געזאגט אז ער וועט זיין ביים רבי'ן?) דאס איז א באזונדערע זאך, אבער מען פלעגט גיין צו ר' נתן'ען!

(השואל: ווי אזוי האט ר' נתן געזאגט?) דאס איז דעם רבי'נס ציון - די האלבע איז ליידיג. אזוי האט ער געזאגט (והראה בידו:) "דא איז דער רבי, מען וועט וועלן רעדן מיט מיר - בין איך דא!"[יח]. א קליין שטיבעלע איז דא דארט.

(השואל: מען פרעגט וואו עס קומט אוים היינט צוטאגס!) וואס היינט איז, ווייס איך נישט.

❖

## הנה אנכי מרביץ בפוך אבניך

- אזוי שטייט אין זוהר הקדוש (עה"פ[יט]:) ["הִנֵּה אָנֹכִי מַרְבִּיץ] בַּפּוּךְ אֲבָנַיִךְ וִיסַדְתִּיךְ בַּסַּפִּירִים" - ר' אלעזר האט געזאגט, עס איז דא א מין זאך וואס הייסט 'פוך', אז מען זאל באשמירן די אויגן מיט דעם פוך, וועט מען זעהן דער בית המקדש שטייט אויבן אין דער לופטן - אינגאנצן, מען האט אים נישט אנגערירט[כ].

---

[יז] ר' נחמן בן חיה בת רביז"ל

[יח] עי' שיש"ק ח"א, תרע"ח: פעם אחרי ששהה מוהרנ"ת על ציון רביה"ק, סובב עצמו אל מול אנ"ש שעמדו שם, והראה בידו על הציון הקדוש וענה ואמר: "ווייל מען רעדן מיטן רבי'ן - **איז דא!**; ווייל מען רעדן מיט מיר - **איז דא!**" (והחוה אז בידו על מקום עמידתו שעמד אז, מימין לציון הקדוש; כאומר שיהיה שרוי תמיד אצל רביה"ק. ואין הכוונה שרימז בזה שאין לבוא להשתטח על מקום גניזתו בברסלב).

[יט] ישעי' נד, יא.

[כ] פקודי ר"מ ע"ב, וז"ל שם: הָא כְּתִיב (ישעיה נד) "הִנֵּה אָנֹכִי מַרְבִּיץ בַּפּוּךְ אֲבָנָיִךְ". מַרְבִּיץ לְאַתְקְנָא תְּבִירָא. מַאי 'בַּפּוּךְ'? כְּמָה דְאַתְּ אָמֵר (מלכים ב ט) "וַתָּשֶׂם בַּפּוּךְ עֵינֶיהָ". אֲבָנִים אִית דְּאִקְרוּן פּוּךְ. מַאי טַעֲמָא הַאי? אָמַר רִבִּי אֶלְעָזָר רָזָא אִיהוּ, וְרָזָא דָא לְמַחֲצְדֵי חַקְלָא אִתְיְהִיב לְמִנְדַּע. תָּא חֲזֵי, אִינּוּן אַבְנִין דִּיסוֹדֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, חַס וְשָׁלוֹם דְּשָׁלִיטוּ עֲלַיְיהוּ שְׁאַר עַמִּין, וְלָא אוֹקְדוּ לוֹן, וְלָא אִתּוֹקְדוּן, אֶלָּא כֻּלְּהוּ אִתְגְּנִיזוּ, וְגָנִיז לוֹן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְכָל אִינּוּן יְסוֹדֵי בֵּיתָא קַדִּישָׁא כֻּלְּהוּ אִתְגְּנִיזוּ, וְלָא אִתְאֲבִידוּ מִנַּיְיהוּ אֲפִילוּ חַד. וְכַד יְהַדַּר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְיוֹקִים לָהּ לִירוּשָׁלַם עַל אַתְרֵיהּ, אִינּוּן יְסוֹדֵי אַבְנִין קַדְמָאֵי, יְהַדְרוּן לְאַתְרַיְיהוּ, וְלָא יַשְׁלִיט בְּהוּ עֵינָא אַחֲרָא (נ"א בישא), בַּר בְּזִמְנָא דְּיִכְחוֹל בַּר נָשׁ עֵינוֹי בְּהַהוּא פּוּכָא,

פון אויבן (מן השמים) מאכט מען אזא מין קונץ, ער גיט א גיי ארויף אין דער לופטן, און דא (בענינים גשמיות) איז א פראסטער בנין; האקט און ברענט, מען ברענט אים אפ ('שורפים אותו' - אבל באמת לא איבדו ושרפו אותו כלל!).

❖

(רנ"ב: אין די תפילה פון תיקון הכללי זאגט ר' נתן: 'עזרני בזכות הצדיקים הגנוזים פה'! וואס איז געווען דער פשט דארטן, וואס 'הצדיקים'? בזכות 'הצדיק'!) לעבן רבי'נס ציון איז געווען דארטן א מגיד, ער איז נפטר געווארן א הונדערט יאר פאר'ן רבי'ן! זיין שטיבעלע איז געווען (היה לו ג"כ אהל). אין אומאן איז געווען אייניקלעך פון דעם מגיד אויך, די שטיבל איז איינגעפאלן אסאך פריער.

❖

(מדברים אודות ציון רבינו וגבולות הביה"ח ובענין כהנים - מאד לא ברור!)

ווען דער רבי איז געפארן פון זלאטיפאלע קיין אומאן (בדרך לברסלב) - פון דארטן האט מען געמוזט דורכפארן דורך דעם 'טויטן בריקל' - דאס איז פונקט געווען קעגן דעם פעלד (וואו דער רבי ליגט) - איז דא צוויי דעות; דער רבי האט זיך אפגעשטעלט, צוגעגאנגען דארט און פארזאמט זיך א צייט און געזאגט: 'אט דא איז גוט צו ליגן!' און געגאנגען צוריק. און א טייל זאגן, ער איז נישט צוגעגאנגען, נאר פונדערווייטנס געוויזן: אט דא איז גוט צו ליגן![כא].

❖

(השואל: בשעת ר' נתן האט געדרוקט דעם ספורי מעשיות מיט לשון קודש איז געווען עפעס א קפידה?)
פארקערט - רבי נתן האט געדרוקט די מעשיות אויף זשארגאן, איז געווען א קפידה פונעם אפטער רב (מחבר הספה"ק אוהב ישראל).

---

וְיִמְלֵי עֵינֵיהּ מִנֵּיהּ, וּכְדֵין יֶחֱמֵי כָּל אַבְנִין וְכָל יְסוֹדֵי יְרוּשְׁלַיִם, מְתַקְּנָן עַל אַתְרַיְיהוּ, דְּלָא שָׁלִיטוּ בְּהוּ שְׁאַר עַמִּין, וְכָל אִינּוּן אַבְנִין יְקָרִין אַחֲרָנִין, וְכָל אִינּוּן בִּנְיָינֵי אַבְנִין, כֻּלְּהוּ קַיְימֵי עַל קִיוּמַיְיהוּ!

[כא] עי' בחיי מוהר"ן, רי"ז, מש"ש מוהרנ"ת, וז"ל: "שוב שמעתי מאיש אחד שנסע עמו זכרונו לברכה בעת שיצא מזלאטיפאליע לדור פה ברסלב, ואז בדרך נסיעתו עבר דרך אומין, ומדי נסעם בכניסתם לעיר עברו סמוך אצל בית החיים. ענה רבנו ז"ל ואמר: "כמה נאה ויפה לשכב על בית החיים הזה!". וכשמעי זאת עמדתי מרעיד כי עתה אנו רואים שזה כמה שנים מקדם עלתה זאת במחשבה, ונודע לו שמקום מנוחתו יהיה באומין, כי בעת שנכנס לברסלב היה כמה שנים קדם הסתלקותו. וכל מה שעבר עליו מיום שנכנס לברסלב עד יום הסתלקותו, וכל מה שפעל באלו השנים אפלו כפי מה שהתנוצץ בדעתי לא יספיקו כל אילי נביות לבאר אפס קצה מהם. ועצת ה' לעולם תעמד, כי סוף כל סוף נשארה המתנה טובה בידינו מאחר שזכינו שהחמדה גנוזה נגנזה בסביבותינו באומין כאשר עלתה במחשבה לפניו זה כמה. ועל ידי זה עדיין יש לנו תקוה לזכות לכל הטוב אשר חפץ להיטיב עמנו לנצח!".

ער האט געהאלטן (דער אפטער רב) - נאר לשון קודש! רבי נתן האט געוואלט נעמען דעם רבי'נס לשון - ר' נתן האט געוואלט נאר דעם רבי'נס לשון![כב] - ווייטער האט ער נישט געוואלט, האט ער געמאכט דא (למטה לשון רבינו) - און אויבן לשון קודש.

דער לשון קודש איז אויך פונקטליך ווי דעם לשון רבינו - ר' נתן איז געווען א געוואלדיגער בעל לשון, און דער לשון קודש גייט צו פונקט צו דעם. אסאך מאל ווערליג דארטן דעם דיוק שרייבט מען אנדערש אויבן, (אבער ר' נתן האט געמאכט) נאר אזוי - עס זאל צוגיין צום רבי'נס לשון, מער נישט![כג]

❖

## דער חזן דעקט אויף זיין פרצוף...

(רמ"ב: איר האט געהערט אז דער חזן - דער רבי האט אים געזאגט ער זאל זינגען מוצאי שבת, האט ער געזונגען 'חלפה עונת מטתי' דארטן[כד], ער האט זיך גע'שמד'ט און שפעטער?) **געווארן קריק, יא יא.**

(רמ"ב: עס איז געווען; דער רבי האט געבעטן מען זאל דערציילן נייעס, האט מען דערציילט די מעשה: עס איז געווען עפעס א חאגע, ער האט גערארפט זאגן פערציג גלחים און דריי ברויטן, און ער האט געזאגט)

---

[כב] אין כוונתו רק בלשון אידיש בלי לשון הקודש, אלא כוונתו היה 'שלשון רבינו בהכרח להיות!'. ועי' בההקדמה לספה"ק סיפורי מעשיות, מש"ש מוהרנ"ת: "פע"א גילה (רבינו) דעתו, שרוצה להדפיס הסיפורי מעשיות; ויהיה למעלה כתוב בלשה"ק ולמטה בלשון לע"ז", ודוק והבן.

[כג] עי' בסוף הקדמה שניה, מש"ש המעתיק (ר' נחמן טולטשינער ז"ל), וזל"ש: "אדמו"ר מוהר"ן זצוק"ל, סיפר המעשיות בלשון אשכנז הנהוג במדינתנו, ומורינו הרב רבי נתן זצ"ל - ראשון שבתלמידיו היקרים ז"ל, העתיקם על לשה"ק והוריד את עצמו בכיוון ללשון פשוט בכדי שלא ישתנה הענין אצל הקורא אותם בלשה"ק, מכפי מה שסיפרם הוא ז"ל על לשון אשכנז הנהוג בינינו, וזה סיבה אשר נשמט מלשונו הקדוש לשונות פשוטים כאלה בכמה מקומות, זה הטעם הוא כפי מה ששמעתי ממנו ז"ל (ממוהרנ"ת) על פי פשוט, וחוץ שהיה לו טעמים כמוסים אשר לא זכיתי לשמוע ממנו ז"ל. וראוי להאמין בזה, שהיו לו עוד טעמים כמוסים, כי זה ידוע מספריו הקדושים אשר היה בעל לשון גדול וכאן הוריד את עצמו ללשון פשוט, לכן ראוי להאמין שהיה לו כיוון גדול בזה, ואיש אמונות יבוא לו רב ברכות, אכי"ר.

[כד] עי' שיש"ק ח"ג תק"ן: מאמר 'אקרוקתא' שמעתי שנאמר בשבת הראשון שנכנס רביז"ל לברסלב, סוף שנת תקס"ב (חיי"מ נ"ט), כשהעתיק רבינו את מקום מושבו מזלאטיפאליע לעיר ברסלב באלול שנת תקס"ב, ובאו בני העיר לקבל את פני רבינו, ובא גם החזן שכינו אותו 'יוסל חזן', וסייע לרביז"ל בסידור הכיסאות וכיוצב"ז, כי רצה להחניף לרבינו, מחמת שתושבי העיר לא חבבו אותו, וסבר שעי"ז שיראו שרביז"ל מקרבו יוכל לשנות את דעתם; אולם רבינו לא קירבו כלל. ובליל שבת הראשון לכניסתו לעיר ערך שם רבינו את שולחנו, ובאו בני העיר לעריכת השולחן של רביז"ל, וביניהם בא גם 'יוסל חזן' הנ"ל, ורצה לזמר לפני רבינו את הזמר 'מנוחה ושמחה'; ותיכף פתח רבינו את פיו הקדוש והתחיל לומר לפני העולם: "**אז מען הערט א נגינה פון א מנגן רשע, איז קשה לו לעבודת הבורא**". ותיכף סגר 'יוסל חזן' את פיו; וגילה אז רבינו את התורה 'אקרוקתא' שבליקו"מ קמא סי' ג'. אח"כ במוצ"ש בסעודת מלו"מ בא שוב החזן הנ"ל והתחיל לשיר ללא רשותו של רבינו את הזמר 'המבדיל בין קודש לחול', וכשהגיע לתיבות 'חלפה עונת מנחתי' - טעה ואמר: 'עונת מטתי'... ואמר ע"ז רבינו: "**ער זאגט אוים וואס ער איז**". ומרוב בושה שנתגלה קלונו ברבים עקר 'יוסל חזן' דירתו וברח מברסלב, ונודע ונתפרסם אח"כ בעיר ברסלב שנפל מדרך היהדות עד שנשתמד רח"ל.

ניין, מען האט דערציילט דעם רבי'ן, עס איז דא א חאגע - עס הייסט: 'סאראק סוועטיע', דאס הייסט; 'פערציג הייליגע'.

איינער איז געקומען ביינאכט - פון די בלינדע נאכט - פארן רבי'ן [- דארטן (באוקריינע) 'ניטל' הייסט 'די בלינדע נאכט'!] ער איז געקומען צום רבי'ן, ער האט געוואלט דעם רבי'ן דערציילן פארוואס עס הייסט 'סאראק סוועטיע'; מען רופט עס 'פערציג הייליגע'.

(רנ"ב: יוסל חזן האט עס דערציילט?) ניין, מען האט עס דערציילט, יוסל חזן איז שוין דעמאלט געווען א גע'שמד'טער. איינער האט דערציילט אזוי, עס איז געווען עפעס פערציג מענטשן, (רנ"ב: עס איז געווען אין וואלד ערגעץ), זיי האבן געהאט איין ברויט - דאכט זיך - צו דריי ברויט, זיי זענען געווען הונגעריג, און זיי האבן געגעסן די אלע ברויט, זיי זענען געווארן זאט און זיי האבן נאך איבערגעלאזט, האט מען זיי גערופן: סאראק סוועטיע.

- האט ער דערציילט פונקט פארקערט - עס איז געווען פערציג ברויט און דריי מענטשן, און זיי האבן געגעסן די פערציג ברויט און זיי זענען געווען זאט! - האט מען זיך אויסגעלאכט, ער האט (דאס אזוי) דערציילט פארן רבי'ן.

(ענה רבינו ואמר:) 'אזוי? איז שוין יוסל חזן געווארן צוריק!' ער איז שוין צוריק געווארן! אז ער האט אזוי דאס דערציילט - ער האט געהאט א טעות - אויב אזוי איז שוין יוסל חזן צוריק געווארן (חזר בתשובה)!

(השואל: איז דער רבי האט געבעטן הערן נייעס?) די בלינדע נאכט פלעגט מען דאך רעדן. עפעס האט איינער געוואלט דערציילן דעם רבי'ן די מעשה מיט די סאראק סוועטיע, עס איז געווען דארטן א מין חאגע, אזוי רופט מען די חאגע.

(השואל: מען פלעגט נישט לערנען ניטל?) מען פלעגט רעדן אזוי סיפורים, האט ער דאס דערציילט פארן רבי'ן, ער האט געהאט א טעות, איז געווארן א געלעכטער: 'אויב אזוי, איז שוין יוסל חזן געווארן צוריק'.

(רנ"ב: ווער איז דער ר' יוסף חזן? ער איז געגאנגען מיט א מלבוש עפעס אזוי צעריסן ווען דער רבי האט דערציילט די מעשה מיטן בעל תפילה![כה]) דאס איז א אנדערער. ער (היינו יוסל הנזכר לעיל) איז

[כה] עיין חיי מוהר"ן ס"ב: המעשה של הבעל תפלה התחילה אחר שסיפר עם החזן רבי יוסף דפה, ואנחנו עמדנו לפניו, והחזן הנ"ל היה מלבושו קרוע. ענה ואמר להחזן: הלא אתם בעל תפלה שעל ידה נמשך הכל (היינו כל ההשפעות) ומדוע לא יהיה לכם מלבוש (שקורין קאפטין)?. ובתוך כך התחיל לספר בזה הלשון: כבר היה מעשה כזאת שהיה בעל תפלה,

דאך אנטלאפן פון ברסלב, ער האט געהאט א טעות אינעם המבדיל (ואי"ז יוסף חזן ששייך למעשה של הבעל תפילה).

❖

## געגעבן א 'קלא דלא פסיק'

און די מעשה פון לאדיזין; דער רבי איז געווען אין לאדיזין אויף א ברית, און דער רבי איז געווען נאך אויפן שלום זכר אויך.

שבת אויפן שלום זכר איז געקומען דער חזן. דער חזן איז געווען א מתנגד, האט דער בעל בית געזאגט דעם חזן ער זאל זינגען דארטן מנוחה ושמחה. (אזוי פלעגט זיין; דער) חזן איז געקומען זינגען מנוחה ושמחה.

דער בעל בית האט דעם חזן געזאגט ער זאל זינגען, האט ער נישט געוואלט זינגען. ער האט געזאגט 'איך האב נישט דאס קול'. האט זיך אנגערופן דער רבי: 'איך וועל דיר געבן **א קול, דו וועסט קיינמאל נישט אנווערן דאס קול'!**

ער האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי זאגט, ער האט געמיינט אויפן גוטן אופן, (שרבינו 'מברך' אותו:) 'וועסט האבן א קול, וועסט קיינמאל נישט אנווערן דאס קול'.

עס איז געקומען דארטן צום ברית - (געווענליך) דער חזן פלעגט קומען אויף יעדן ברית, דער חזן פלעגט מאכן די 'מי שברך'ס' - זיין פרנסה געווען; יעדער איינער האט געמאכט א מי שברך - האט ער גענומען געלט, געמאכט די ברכות אזוי - א חזן געווען, און (אבער אז) דער חזן איז נישט געקומען - דער חזן איז נישט געקומען? עס איז דאך זיין פרנסה! ער דארף זיין פריער פון אלעמען און ער איז נישטא. איז מען געגאנגען אין שטוב אריין פרעגן וואו דער חזן איז, האט מען געזאגט: ער איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען.

---

וסיפר כל המעשה. ובתחילת סיפורו לא ידענו שמספר מעשה ממעשיות שלו, רק סברנו שמספר מעשה סתם שאירע כך. רק אחר כך כשנכנס בדברים הבננו נוראות הענין שמספר, שהוא מעשה נוראה ממעשיות שלו. שהם סיפורי מעשיות של שנים קדמוניות!

הכלל, מען איז אוועקגעגאנגען (אים זוכן), האט מען אים געפאקט טון אן עבירה (רח"ל), און דאס איז געווען א 'קלא דלא פסיק'! דאס איז וואס דער רבי האט אים געזאגט: איך וועל דיר געבן א קול, דער קול וועט זיך שוין קיינמאל נישט אויפהערן!

ער איז געווען א מתנגד, האט ער געוואלט - ער וועט נישט זינגען - וועט דער רבי זיין איבערגע'רעש'ט: 'דער חזן זינגט נישט - א קלייניקייט'?! האסט נישט קיין קול? וועסטו האבן א קול!

דאס איז שוין געדרוקט, יא? (רמ"ב: אין טובות זכרונות שטייט עס![כו] עס איז געווען אויפן ערשטן שבת וואס דער רבי איז אריין אין ברסלב?) עס איז געווען אין לאדיזין שפעטער מיט עטליכע יאר!

צום שלום זכר איז עס געווען, ער האט נישט געוואלט זינגען, און צום ברית איז ער נישט געקומען.

❖

(רנ"ב: עס איז דא א מעשה מיט ר' נחמן טולטשינער, אזוי שרייבט ר' אברהם ר' נחמן'ס, דער חזן האט נישט געוואלט זינגען, האט ער געזאגט: ר' נחמן זינג דו, פון דעמאלט אן האט ער[כז]) **יא יא!**

ר' נחמן טולטשינער האט דאך נישט געדאוונט בחיי רבי נתן (אצל העמוד), קיינמאל נישט!

פון וואנעט האט ער אנגעהויבן דאווענען? ער האט אנגעהויבן דאווענען פריער אין ברסלב; אין ברסלב האט ער געדאוונט עפעס א יום כיפור, און נאכדעם האבן אונזערע

---

[כו] עיי"ש, סי' ג'.

[כז] עי' כוכבי אור, שיחות וסיפורים, אות מ"ח: וּמִדֵּי עָסְקִי לִכְתֹּב וּלְהוֹדִיעַ לְדוֹרוֹת חֲשִׁיבוּת וּמַעֲלוֹת אָבִי זַ"ל, הִנְנִי לְהוֹדִיעַ מַה שֶּׁזָּכָה פַּעַם אַחַת בְּלֵיל שַׁבַּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח (שֶׁנִּקְרָא שַׁבַּת שִׁירָה) שֶׁנִּתְחַבֵּר אָז עִם מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בִּנְסִיעָתוֹ לְלִיפּוֹוִיץ, וְלֵילֵךְ אִתּוֹ שָׁם עַל שִׂמְחַת בֵּן זָכָר בְּבֵית אִישׁ אֶחָד שֶׁהָיָה לוֹ הֶכֵּרוּת עִם מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל. אֲבָל נִמְצָא אָז בְּזֹאת הַבַּיִת חַזָּן אֶחָד אֲשֶׁר מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בִּקֵּשׁ מִזֶּה הַחַזָּן לְנַגֵּן לִכְבוֹד שִׂמְחַת שַׁבַּת הַנַּ"ל, וְזֶה הַחַזָּן הָיָה מִצַּד הַמִּתְנַגְּדִים, וּכְדֵי לְהַכְעִיס לְמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל לֹא רָצָה בְּשׁוּם אֹפֶן לְנַגֵּן. וְעָנָה וְאָמַר מוֹהֲרַנַ"ת לְאָבִי זַ"ל נַגֵּן אַתָּה (זִינְג דִּיא). וְהִתְחִיל אָבִי זַ"ל לְנַגֵּן וּלְשׁוֹרֵר אֶת הַשִּׁירָה בִּנְעִימָה נִפְלָאָה לְכָל אֹזֶן הַשּׁוֹמֵעַ. וּמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל אָמַר לוֹ אַחַר־כָּךְ לֹא יָדַעְתִּי כְּלָל, הֲלֹא יֵשׁ בִּיכָלְתְּךָ לְנַגֵּן. וְהַחַזָּן הַנַּ"ל נִתְבַּיֵּשׁ אַחַר־כָּךְ לִפְנֵי כָּל הָעוֹמְדִים שָׁם. וְהָרַב זַ"ל מִטְּשֶׁעהְרִין אָמַר פַּעַם אַחַת שֶׁשָּׁמַע מֵאֲנָשִׁים הַבְּקִיאִים בְּאָבִי בִּימֵי בַּחֲרוּתוֹ, שֶׁבֶּאֱמֶת לֹא הָיָה לוֹ כְּלָל בִּתְחִלַּת יָמָיו קוֹל נְגִינָה נִפְלָאָה כָּזֶה. וּמֵאָז וָהָלְאָה הִתְחִיל לְנַגֵּן לִפְנֵי מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בִּסְעֻדַּת שַׁבַּת קֹדֶשׁ וְכַדּוֹמֶה. וְלִפְנֵי הָעַמּוּד נִתְיָרֵא מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל לְהַעֲמִידוֹ יַעַן אֲשֶׁר יָדַע שֶׁבְּרֹב תַּבְעֵרַת לִבּוֹ וְהֶרְגֵּשׁוֹ דִּבּוּרֵי הַתְּפִלָּה, וּבְתוֹסְפוֹת אֵימְתָא דְּצִבּוּרָא יָכוֹל לְהַגְבִּיהַּ אֶת קוֹלוֹ עַד שֶׁיִּהְיֶה נִזּוֹק חַס וְשָׁלוֹם בְּהָרֵאָה (כְּמוֹ שֶׁנִּזְדַּמֵּן לִפְעָמִים בֵּין הַחַזָּנִים). וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אַחַר פְּטִירַת מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל נִתְעוֹרְרוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לְהַעֲמִידוֹ לִפְנֵי הָעַמּוּד בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים. וְהִתְעוֹרְרוּת הַצִּבּוּר מִתְּפִלָּתוֹ קָשֶׁה וְכָבֵד לְבָאֵר בִּכְתָב.

לייט געזאגט: 'רבי נחמן קען דאך זייער גוט דאווענען, ער האט געדאווענט פאראיאר יום כיפור!' און דערפון איז ער געווארן בעל תפילה ראש השנה.

(בשנת) תר"ח איז ער ארויס פון טולטשין קיין ברסלב. ער האט געוואוינט אין טולטשין אכצן יאר, און ער איז געווען אין ברסלב אכצן יאר, און ער איז געווען אין אומאן אכצן יאר. אין אומאן איז ער אריין תרכ"ו און ער איז נסתלק געווארן תרמ"ד[כח].

תר"ח איז ער אריין אין ברסלב און געוואוינט ביז כ"ו, און כ"ו אין אומאן, (רנ"ב: דעמאלט איז שוין נאר ר' נפתלי געווען! (- כי מוהרנ"ת נסתלק כבר בשנת תר"ה) נאר ר' נפתלי - יא.

דאס האט דאך ר' נחמן געזאגט: 'איך האב געוואוינט אין טולטשין, איך האב געוואוינט אין ברסלב, און איך האב געוואוינט אין אומאן, און רופן - רופט מען מיך: נחמן 'טולטשינער', און ר' שבתי'ן רופט מען - שבתי 'ברסלב'ער'!'. איז ער מקנא אז מען רופט אים שבתי ברסלב'ער!

איבער די מכתבים (בעלים לתרופה) איז אלס ר' נחמן טולטשינער, טולטשינער!

❖

## איבערגעלאזט דאס רבנות אין טשעהרין

(רנ"ב: דאכט זיך - דער טשעהרינער רב האט אויך געזאגט 'ער איז מקנא דעם ברודער') ר' חיים (הרב מברסלב), דאס איז אנדערש: 'לערנען קען איך, אבער א חסיד האב איך א ברודער!'

(רנ"ב: אזוי האט ער געזאגט? אבער ער האט אים נישט מקנא געווען אויף וואס ער איז רב אין ברסלב?) יא, יא, אוודאי, ער האט אים זייער מקנא געווען, ער האט געוואלט בלייבן אין ברסלב, און ער וואלט ווען געבליבן רב אויפן רב'ס (ר' הערש לייב'ס) ארט.

נאר ווען ער איז אריין קיין טשעהרין האט נאך ר' נפתלי געלעבט - ר' הערש לייב (אביו) איז נפטר געווארן אדער כ"ח אדער כ"ט - איך בין נישט זיכער, און ער איז געווארן רב אין טשעהרין נאך ביי ר' נפתלי'ס לעבן (ר' נפתלי נפטר בשנת תר"כ) - אסאך פריער.

ער האט נישט געוואלט, ער האט בשום אופן נישט געוואלט. עס איז געקומען צו פארן אונזערע לייט פון טשעהרין און מען האט ארויסגענומען דעם טשעהרינער רב

---

[כח] כ"ו ניסן

קיין אומאן, מען האט מיט אים גערעדט און גערעדט: עס זאל נישט ווערן איבערגעהאקט דאס רבנות (אין טשעהרין); ביים רבי'ן איז געווען ר' שמואל יצחק (דער רב) - עס זאל בלייבן א רב! (פון אונזערע לייט) - זיי האבן געזעהן אז זיי האבן נישט קיין אנדער רב נאר ר' נחמן!

(רנ"ב: ער איז געווען רב גליך נאך ר' שמואל יצחק?) אוודאי! יא יא!

האבן זיי געזעהן - זיי האבן נישט קיין אנדער רב. דארט איז געווען דער טשערקאסער - א למדן א גרויסער (טשעהרין היה תחת מגידתו. לכן היתה כוונתם:) דער טשעהרינער רב וועט שוין זיין א (א כח פאר אונזערע לייט).

- האט ער נישט געוואלט בשום אופן נישט, ער וויל נישט זיין א רב, ער וויל זיצן און לערנען און שוין. האט אים געזאגט רבי נפתלי: 'דו פארסט נישט קיין טשעהרין ווערן רב, זיץ ווייטער און לערן; יענער וועט דיר פרעגן א זאך און דו ווייסט און יענער ווייסט נישט, וועסטו אים נישט ענטפערן? דו ווייסט און יענער ווייסט נישט, ענטפער אים!'.

ער איז אלע יארן געווען (א רב אויף דעם אופן) - ער איז געזעצן און געלערנט!

דארטן איז געווען א רב - ר' יחזקאל, ער איז געווען א טשערקאסער (חסיד) - אויך געווען א למדן, נאר ווי איז ער (צו)געקומען צום טשעהרינער רב?!

אזוי שאלות איז ער געווען (ר' יחזקאל). סיידן ביי א גט האט ער מסדר געווען די נעמען (הרב מטשעהרין). די נעמען האט ער נישט געוואלט לאזן (פאר א צווייטן), האט ער אכטונג געגעבן אויף זיי.

נאכדעם - ער האט דערזעהן: אוי, מיין ברודער וואוינט אין ברסלב - דעם רבי'נס שטאט, און איך וואוין אין טשעהרין! ער האט געזעהן טשעהרין איז אזוי - מען האט אויסגעבויעט די שול (בטשעהרין) - א שיינע שול געווען, איך בין געווען דארטן; מיט א שיינעם פרדס - רייך! און דארטן אין מזרח האט מען געמאכט זייער אסאך שטעט (פלעצער), האט מען זיך געשטופט, מזרח!

- האט דער טשעהרינער רב געזאגט: 'עס איז אזוי ענג, מען שטופט זיך די גופים, אבער די הערצער זענען ווייט!' - אזוי האט דער טשעהרינער רב געזאגט!

(רנ"ב: איר האט געהערט אז דער טשעהרינער רב איז געווען אמאל ביי א ריקוד אין טשעהרין - די טשעהרינער האבן זיך אמאל צוטאנצט און דער טשעהרינער רב אויבעט. דער טשעהרינער רב האט זיך

אפגעשטעלט עטליכע מאל אינמיטן טאנצן, געזאגט אזא סארט לשון: וואס פעלט אלע אונזערע לייט, בני, חיי - עפעס אזוי אויסגערעכנט פארשידנס און מען האט געזעהן אז די אלע וואס האבן געטאנצט דעמאלט זענען אלע געהאלפן געווארן וואס זיי האבן גערארפט! - איך האב עס געהערט פון ר' איטשע מאיר!)

א גוט ווארט איז עס, איך קען נישט זאגן אז ניין. נאר ווערליג איך האב געהערט, איז דער טשעהרינער רב נישט געווען דרכו בכך - עס איז נישט געווען זיין שטייגער. ער איז געווען א אנדערע סארט צדיק, עס איז קיינמאל נישט געווען זיין שטייגער ער זאל רעדן אזעלכע רייד.

ווען ער איז געווען אין אומאן האט זיך גארנישט ארויסגעוויזן קיין שום רב! ער האט געזאגט: איך האב איבערגעלאזט דעם רב אין טשעהרין! איך האב אים נישט מיט גענומען מיט זיך! -

מען קומט אויף ראש השנה - 'האב איך דעם רב איבערגעלאזט אין טשעהרין! איך בין נישט קיין רב!' - גארנישט! - צו דעם דארף מען האבן א כח - איבערלאזן דעם רב דארטן, נישט מיטנעמען מיט זיך, (געווענליך:) עס נעמט זיך מיט!

ווערליג (לויט ווי) איך האב זיך אנגעהערט אויפן טשעהרינער רב - איך בין געווען אין טשעהרין - ע"ו, איז געווען צוויי און צוואנציג יאר פון זיין הסתלקות - ער איז נפטר געווארן נ"ד - איז אלע האבן אים נאך געקענט - אפילו (בחורים) [יונגע] האבן אים נאך געקענט!

איך האב זיך גוט אנגעהערט אסאך סיפורים, עס איז נישט געווען דרכו בכך. אן אנדערע וועג האט ער געהאט - א הצנע לכת - אלץ איז ער געווען פארבאהאלטן, און אפילו אז ער איז געגאנגען אמאל דארטן א ריקוד, איז ער אויך געווען אזוי מיט א פארבאהאלטנקייט, און באלד אוועק! - אזוי איז געווען זיין וועג - א פארבאהאלטענער צדיק!

ער איז געווען אלעס, מען זעהט דאך וואס ער איז געווען; א מקובל א געוואלדיגער; און א גאון - אלעס איז ער געווען.

דערפאר אז איך הער אזא מין שיחה אויפן טשעהרינער רב - עס קלעפט זיך עפעס נישט, איך קען נישט זאגן אז ניין, 'לא ראינו אינו ראיה', אבער עס קלעפט זיך נישט - ווערליג איך האב געהערט וואס זיין הנהגה איז געווען.

❖

# האסט פון מיר צוגענומען א נאכט

- א מענטש איז געווען א רב, קיינמאל נישט געווען אויף קיין חתונה, קיינמאל נישט געשטאנען סידור קידושין - קיינמאל נישט! דער בעל הבית (בעל שמחה) פלעגט בעטן (איינלאדענען) דעם רב 'סידור קידושין' איז ער נישט געגאנגען. דער אנדערער (ר' יחזקאל) איז געגאנגען.

עס איז געווען אמאל וואס דער שמש - דער וואס גרייט צו דארטן די חופות, די מעשה'ס - ער איז דאך פארנומען בעטן (איינלאדענען) די אלע נגידים (וכדו') - האט ער פארגעסן צו 'בעטן' דעם רב. דער בעל הבית האט אים געזאגט: דו זאלסט בעטן דעם רב! (חשב לעצמו:) דער רב גייט דאך ממילא נישט, האט ער אים נישט געבעטן.

איז אריינגעקומען דער בעל הבית אויף צומארגנס - געבראכט דעם רב דארט עסן, לעקיך, (כדי ער זאל) ווינטשן אים! (אמר הרב לבעל השמחה:) איך וויים גארנישט, עס איז געווען ביי דיר א שמחה!?

זאגט ער דעם שמש: האסט גארנישט געבעטן דעם רב?! (ענה:) איך האב קיין צייט נישט געהאט. האט דער רב געפרעגט: פארוואס האסטו מיך נישט געבעטן? האט ער געזאגט: איך האב נישט געהאט קיין צייט. (ענה הרב:) **האסט פון מיר צוגענומען א נאכט!**

אזוי פלעגט זיך פירן דער רב: אז עס איז געווען א נאכט פון א חופה - האט מען אים געבעטן, איז ער די נאכט געווען אויף! ער וואלט ווען געדארפט גיין צו די חופה, דארט פארברענגען (איז ער אנשטאט דעם געווען אויף בעבודת השם!)

- 'איר האט מיר צוגענומען א נאכט!' - פארשטייסט וואספארא רב דאס איז געווען?!

ער איז גאר א אנדער סארט מענטש געווען, א געוואלדיגער הצנע לכת! א הנהגה 'בלתי לה' לבדו'! איך רעד דאך פון טשעהרינער רב! דארט אין גן עדן ביים רבי'נס מענטשן - אזא צדיק!

(רנ"ב: דער טשעהרינער רב פלעגט דאך ביז פארנאכט זיצן און לערנען. פונעם לערנען האט מען אים אוועקגערופן אויף די חתונות פון זיינע קינדער. עס איז געקומען איינמאל א חתונה ביינאכט, עפעס ביים

טאנצן האט ער נישט געוואלט זיין דארטן, האט ער געזאגט אזוי: אז דער איבערשטער וועט העלפן - יעצט ווייס איך נישט ווי עס וועט זיין - דער איבערשטער וועט העלפן נאך אפאר יאר 'קינדערלעך' (שיהיו להם ילדים) - וועט ער דעמאלטס רופן קלעזמער, אבער יעצט ווייס איך נישט. נאך פינעף יאר (- אכן נתפרדו) - איך האב עס געהערט פון ר' אברהם'ען).

**ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש, א הויכער סארט מענטש איז ער געווען - אין אלעם. ער האט געהאט א געוואלדיגע אהבה צו אונזערע לייט. אזא מענטש - ער איז ארומגעגאנגען פאר מנחה** (ערב ראש השנה בעת הקיבוץ) **- ער האט יעדן איינעם אנגעקוקט - דאס איז 'ראיית פני הצדיק'![כט] - אן עבודה!**

**און ער איז געווען א פולער מענטש - ממילא איז שווער צו שטיין אזוי לאנג - פונדעסטוועגן איז ער געשטאנען ראש השנה א גאנצן דאווענען מיטן פנים צו די וואנט. ווען ער האט זיך געגעבן א דריי אויס - דאס פנים האט געברענט - געוואלדיג איז געווען קוקן אויפן פנים! ער איז געווען א הויכער סארט מענטש!** (אחד הנוכחים: ער האט אריינגעלייגט דעם כח אין ספרים!) **יא! יא![ל]**

❖

## המעתיק - ר' נתן בייטלמאכער

(רמ"ב: איר האט געהערט אז דער טשעהרינער רב האט געוואלט אז ר' אלטער טעפליקער זאל שרייבן זיינע ספרים, און סוף ימיו האט ר' אלטער געליטן אויף די הענט, האט ער געזאגט, אז עס איז אן עונש ווייל

---

[כט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ד', ועי' פרפראות לחכמה שם אות כ"ד: התיקונים שנעשין על ידי הסתכלות פני הצדיק עיין בסי' קצ"ב שבכל ספר וספר נמצא דמות דיוקנו ואור פניו של זה הצדיק והחכם שחידש אלו הדיבורים שבזה הספר ועיין בסימן קנ"ג מבואר שם שהתלמיד כשזוכה הוא מקבל אור הפנים של הרב ממש וכו' ועיין סימן ר"ל.

[ל] גם עי' עוד בטעם זקנים קו' נ"ד, וזל"ש: "מען פלעגט דאך פארן אויף ראש השנה, פלעגט פארן דער טשעהרינער רב, אוודאי, אלע צוזאמען, און מען האט אים געוואלט מכבד זיין, 'דעם רב'! האט ער געזאגט" "איך האב דעם 'רב' איבערגעלאזט אין טשעהרין, איך האב אים נישט מיט גענומען מיט זיך!". דאס איז 'ווערטער', אז ער האט געזאגט - האט ער געזאגט, נישט סתם געזאגט!...

האב איך געהערט פון די אידן, ער איז געשטאנען, ראש השנה מיט דעם פנים צו די וואנט דעם גאנצן דאווענען, ער האט זיך נישט אויסגעדרייט צום עולם! אז ער האט זיך אויסגעדרייט, האט דאס פנים געברענט אזוי ווי א פייער, פארגאסן מיט טרערן, געברענט אזוי ווי פייער, אבער אזוי - נאר געווען דער פנים צו דער וואנט. ערב ראש השנה פאר מנחה, פלעגט ער ארומגיין אין שול, און יעדן איינעם פון אונזערע לייט אנקוקן! ער פלעגט זאגן: "דאס איז ראיית פני הצדיק"! מען האט געוואוסט אז דער רב גייט ארום פאר מנחה, דרייט זיך ארום אין שול, און יעדן איינעם האט ער אנגעקוקט! - מיר רעדן דא פון 'צדיקים', פון 'צדיקים', זיי זענען נישט געווען קיין 'מפורסמים', נאר 'צדיקים'!".

ער האט עס נישט געמאכט!) **דער אלטער נתן**[לא] (בייטלמאכער) **האט דאך געשריבן! ער איז געווען דער שרייבער!** (רנ"ב: נתן בייטלמאכער, אוודאי!)

(השואל: ער איז געווען א טשעהרינער?) **אוודאי! א טשעהרינער! - ר' פנחס יהושע'ס**[לב] **א זוהן!**

**ער איז געווען דער ספרא רבא פונעם טשעהרינער רב, ער האט אים געגעבן א האלבער גילדן פאר א בויגן. און דערנאך האט ער צוגענומען עפעס א אנדערער זאל שרייבן,** (אבער) **דער רב איז נישט געווען צופרידן, האט ער צוריקגענומען נתן'ען ער זאל שרייבן, זיין שרייבן איז געווען מער** (גוט).

(רנ"ב: ער פלעגט אים אויך שרייבן - ר' ברוך אפרים![לג]) **יא יא. ער** (ר' נתן בייטלמאכער) **איז געווען א בעל לשון, ער האט געקענט גוט איבערליינען די זאך.**

(רמ"ב: אבער דאס האט איר נישט געהערט - פון ר' אלטר טעפליקער?) **ניין, ווי קומט ר' אלטער** (צו טשעהרין)**? ער האט געליטן אויף די הענט? א מעשה, איך בין געווען ביי ר' אלטער'ן אין שטוב כסדר, ער האט גארנישט געליטן אויף די הענט! ווי קומט דאס אז ר' אלטער טעפליקער - ער איז אלע יארן געווען א טעפליקער, און ווי קומט דאס אז עס זאל זיין אזא מין זאך, אז ער זאל אים שרייבן?! פון וועמען האסטו דאס געהערט?** (רמ"ב: ר' נתן צבי האט עס עפעס אמאל דערציילט) **ניין, ס'קלעפט זיך נישט!**

(רנ"ב: ער פלעגט שרייבן מסתם וואס ער האט געהערט פון מאל צו מאל, אבער נישט [עמטליך, ווארום ווי קומט ער אין טשעהרין?!) **ער איז בכלל געווען א גרויסער שרייבער, האט ער געשריבן אסאך. דער בוידעם** (פון ר' אלטער'ן) **איז געווען פול מיט כתבים, דאס איז א באזונדערע זאך, אבער דער רב האט דאך געדונגען א שרייבער זאל אים שרייבן און ער האט אים געצאלט געלט!**

(השואל: עס איז געווען נאך ספרים פונעם טשעהרינער רב וואס עס איז נישטא היינט? רנ"ב: ער האט געמאכט א ליקוטי עצות אויף זוהר - א ליקוטי עצות אויף זוהר האט ער געהאט, א ליקוטי עצות אויף גאנץ ש"ס!) **יא יא, אסאך, ער האט א וועלט געשריבן.**

---

[לא] ר' נתן ב"ר פנחס יהושע בייטלמאכער ברסלב'ר (נוסח מציבתו), נולד בשנת תרל"ד, עלה בא"י בשנת תרס"ט, ודר בבתי מחסה בירושלים העתיקה. נלב"ע כ"ד שבט תשי"א, ונטמן בחלקה ח' בביה"ח סנהדריה בירושלים (שיש"ק).

[לב] מטשעהרין - מגדולי תלמידי מוהרנ"ת

[לג] מוצאו מארץ ליטא, לפני התקרבותו לדעת רביז"ל היה מחשובי חסידיו של הרה"ק בעל הצמח צדק. חיבר ספר "באיבי הנחל" פי' עמוק על ליקוטי מוהר"ן (גידולי הנחל).

- אז מען דארף שרייבן אויף צו דרוקן, דארף מען גאר אנדערש שרייבן, דארף מען מדייק זיין יעדער ווארט - ער איז זייער געווען צופרידן פון ר' נתן'ען (בייטלמאכער), ער איז א גוטער שרייבער געווען -

דער עיקר, אז מען דארף שרייבן אויף צו דרוקן זאל מען נישט האבן קיין טעות - א וא"ו, א יו"ד; א 'איך וויים דארטן' - איז שוין א חילוק אין דעם טייטש! טאמער שרייבט ער לומדות - ער כאפט איין אין אנדערן, קען ער נישט דערקענען.

דער שרייבער דארף שרייבן אות ביי אות - נישט ארייננמישן איין אות אין אנדערן, און זאל נישט האבן קיין טעות, ער זאל צוגרייטן אויף צו דרוקן - און ר' נתן איז געווען דערויף א מומחה, ער האט געשריבן - האט מען עס געקענט דעמאלט דרוקן.

(רמ"ב: איר האט אים געקענט ר' נתן'ען?) יא, אוודאי, עטליכע יאר דא (בא"י). ער האט קיינמאל נישט געזאגט וויפיל ער איז אלט - ר' אברהם (שטערנהארץ) פלעגט זאגן וויפיל ער איז אלט.

איך האב אים געפרעגט אמאל: 'נתן - (וועז) איר זענט געווען אן איידעם[לד] האט ר' נחמן טולטשינער געלעבט?', (וענה:) אה, ווילסט וויסן וויפיל איך בין אלט?! ער איז געווען א זקן, וויפיל וויים איך נישט!

ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש - דער אלטער נתן, ער איז נישט געווען קיין פראסטער (פשוטער) מענטש! אויך א פארבאהאלטענער, געליטן אזוי - אה!

(רמ"ב: איך הער אז מען האט אים געפרעגט ווי ער האט געקענט אויסהאלטן, האט ער געזאגט: עס איז א כפרה אויף וואס ער האט זיך גע'גט פון ר' נחמן'ס טאכטער) מלכה![לה]

❖

## דארטן וועט דיר זיין זייער גוט...

(מדברים על ר' נתן בייטלמאכער וזוגתו הצדקנית גיטעלע ועל בנם שנפטר בקטנותו) זי דערציילט דארטן איר מעשה (גיטעלע): "איך האב דערזען (בחלום) אן עלטערן אידן", זאגט זי אים:

---

[לד] בזוו"ר היה חתן ר' נחמן טולטשינער

[לה] עי' שיש"ק ח"ה, תקכ"ז: רַבִּי נָתָן בַּיטְלְמַאכֶר זַ"ל הִתְחַתֵּן בְּגִיל חָמֵשׁ עֶשְׂרֵה עִם מָרַת מַלְכָּה בַּת רַבִּי נַחְמָן מִטּוּלְטְשִׁין זַ"ל. אַחַר כַּמָּה שָׁנִים כְּשֶׁרָצָה לַעֲלוֹת לְאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל וְלֹא הִסְכִּימָה זוּגָתוֹ הִתְגָּרְשׁוּ, וְהִשְׁתַּדְּכָה עִם רַבִּי אַלְטֶער טֶעפְּלִיקֶער זַ"ל, וְהוּא נָשָׂא לְאִשָּׁה אֶת מָרַת גִּיטְל שֶׁהִתְאַלְמְנָה מִבַּעְלָהּ רַבִּי יִשְׂרָאֵל מִקָּארְדַאן זַ"ל.

"ווער זענט איר?" - "איך בין נתן'ס טאטע, איך הייס פנחס יהושע", האט זי אנגעהויבן פאר אים צו וויינען אז זי ליידט אסאך פיין (האט ער איר געענטפערט:) "דארטן וועסטו האבן זייער גוט; דארטן וועט דיר זיין זייער גוט" - - - אזוי האט זי דערציילט, שוין -

(רמ"ב: איינע פון יוסף ארליך'ס קינדער האט מיר געזאגט: 'איך געדענק גיטעלע איז מיר נאכגעלאפן מיט עסן!') ער האט מיר דערציילט: עס איז געווען 'בנימין הצדיק' - א בחור, א פרומער בחור, קיינער האט אים נישט געוואלט נעמען, בנימין הצדיק! ער איז געווען א צדיק (רנ"ב: א פארפרומטער) - איז ער אריינגעגאנגען צום חזון איש: 'קיינער וויל מיך נישט נעמען', (ענה לו:) פאר אריין (לירושלים) איז דארט דא איינער גיטעלע, זאג איר - אז איך האב דיר געשיקט צו איר - זי זאל דיר זעהן א שידוך! - און אנדערער האט מיר דאס דערציילט - יחיאל צוקער האט מיר דאס דערציילט.

קומט ער אריין צו איר: 'גיטעלע, דער חזון איש האט מיר געשיקט צו אייך איר זאלט מיר זעהן א שידוך'! (אמרה:) 'צו מיר - איך זאל זעהן א שידוך? נו, קום צום כותל'.

ער איז געקומען צום כותל, שטייט דארטן א פרוי מיט א מיידל און וויינט ביים כותל: 'איך האב געבראכט מיינס א קינד אהערצו, מיר ווילן האבן א גוטן שידוך און איך האב נישט, זאגט זי: 'אט שטייט שוין דיין חתן!' - יחיאל צוקער דערציילט - אז בנימין הצדיק האט אים דערציילט דערפון.

זי טוט שידוכים און זי גיט שדכנות - נישט זי נעמט שדכנות! (אחד הנוכחים: זי גיט א טלית!) נישט נאר א טלית זי גיט אנדערע זאכן אויך!

זי פלעגט ר' נתן'ען זייער באדינען אסאך!

(רנ"ב: ווען מען איז ארויס פון אלט-שטאט (בשנת תש"ח) - דער טאג וואס מען האט איינגענומען אלט-שטאט - די אראבער, בין איך געגאנגען לעבן זיי (ר' נתן וזוגתו), איך בין געגאנגען מיט מיין מאמען, מיינע שוועסטער, און זי, גיטעלע, איז געגאנגען מיט נתן'ען. האט זי אים געגעבן צו שלעפן א ווענטל פון א בעט און זי האט געשלעפט א מאטראץ מיט פארשידענע זאכן, און ער האט נישט געקענט גיין (מחמת זקנותו). און ר' יוסף ראנין - ער האט געשלעפט ר' שלמה וועקסלער די גאנצע צייט פון אלט-שטאט ביזן שטאט (העיר החדשה); ער האט אים געפירט, ער האט נישט געקענט גיין - ר' שלמה, ר' שלמה וועקסלער איז געווען שוואך אין גיין, ובזכות זה איז ער ערשט ארויס - מען האט דאך אלע יונגע גענומען אין שבי, און ער (ר' יוסף) איז נאך געווען א יונגער, מיט א קאסקעטל, מיטן בערדל - אין דעם זכות וואס ער האט אים געפירט די גאנצע וועג).

❖

# רבו יתיר יסגי - לעילא מן דרגיה!

(רמ"ב: ר' נתן האט געטייטש: רבו יתיר יסגי לעילא מן דרגיה[לו]?) **'רבו יתיר יסגי לעילא מן דרגיה ויסב בת זוגיה דהות פרישא'; 'רבו יתיר יסגי' - דער אויבערשטער גיט א הויב אויף דעם צדיק העכער ווי זיין מדריגה איז, כדי ער זאל קענען מקרב זיין אזעלכע מענטשן וואס זענען געווען פריער ווייט!**

**רבו יתיר יסגי - לעילא מן דרגיה!** (העכער ווי זיין מדריגה), **כדי 'ויסב בת זוגיה דהות פרישא' - קען ער נעמען די וואס זענען געווען פריער אפגעשיידט, זאל ער קענען אים אויך מקרב זיין! - ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט אז ר' נתן האט אזוי געטייטש!**

❖

(רמ"ב: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: די וועלט איז נישט כדאי צו געבן איין קרעכץ פאר אים? די עולם הזה!) **עס שטייט דאך אין ספורי מעשיות פון די חסרונות, די מעלות פון די וועלט![לז]**

❖

(רנ"ב: (נקטע) האר"י מיט ר' חיים וויטאל; בעל שם מיטן מגיד; וועט מען דערמאנען דעם רבי'ן מיט מיר אויך - רבי נתן האט געזאגט עפעס אזא סארט לשון?!) **עס איז אמת![לח]**

❖

# 'מהפכין קערה על פיה'

**עס שטייט פונעם בעל שם הקדוש - דאכט זיך דער תולדות ברענגט פונעם בעל שם הקדוש, אז א מענטש איז אין דער יוגנט וואס ער איז, אז עס קומט אויף דער**

---

[לו] חלק מהזמר 'אסדר לסעודתא' להאריז"ל - ליום שב"ק.

[לז] עי' בהמעשה של הז' בעטלערס - ביום השני, מה שאמר הבעטליר החרש: **אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין טוֹיבּ? אִיךְ בִּין גָאר נִיט טוֹיבּ! נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָאר נִיט אָן אַז אִיךְ זָאל הֶערִין זֵייעֶר חִסָרוֹן! וָוארִין גָאר אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת, וָוארִין אִיטְלִיכֶער שְׁרַייט אוֹיף זַיין חִסָרוֹן; דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע גֵייט אִים אָפּ. אוּן אַפִילוּ אַלֶע שִׂמְחוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת וָואס מֶע פְרֵייט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס סֶע אִיז אִים אָפּ גִיגַאנְגֶען - אוּן הַיינְט הָאט עֶר דָאס וָואס סֶע אִיז אִים אָפְּגִיגַאנְגֶען. אוּן בַּיי מִיר טְרֶעפְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גָאר נִיט אָן. אַז אִיךְ זָאל הֶערִין זֵייעֶר חִסָרוֹן!**

[לח] עי' שיש"ק (ישן) ח"ב, תש"א: **מוֹהַרְנַ"תְ אָמַר: "נָהוּג בָּעוֹלָם שֶׁכְּשֶׁמַּזְכִּירִים אֶת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ לְהַזְכִּיר גַּם אֶת תַּלְמִידוֹ יְהוֹשֻׁעַ; וּכְשֶׁמַּזְכִּירִים אֶת רַשְׁבִּ"י מַזְכִּירִים אֶת תַּלְמִידוֹ רַבִּי אַבָּא; וּכְשֶׁמַּזְכִּירִים אֶת הָאֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ מַזְכִּירִים אֶת תַּלְמִידוֹ רַבִּי חַיִּים וִויטַאל; וּכְשֶׁמַּזְכִּירִים אֶת הַבַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ מַזְכִּירִים אֶת תַּלְמִידוֹ הַמַּגִּיד; וּכְשֶׁיַּזְכִּירוּ אֶת רַבֵּנוּ יַזְכִּירוּ גַּם אוֹתִי...**

עלטער - אז ער האט א גוטן עלטער פארגעסט ער אינגאנצן דעם יוגנט. (לכן) נעמט מען אויבן - מען קערט איבער די 'קערה על פיה', ווערט פון אונטן אויבן און פון אויבן אונטן: האסטו די קערה פון פריער, פון אויבן בין איך א גוטער, אבער אונטן איז דא - -

דאס איז א לשון: 'כופה קערה על פיה', א קער איבער די קערה על פיה - ווערט דער עלטער זיינער אונטן און דער יוגנט גייט ארויף: דאס האסטו, נעם זיך איבער!

דער עלטער איז טאקע גוט, א מענטש דארף אבער געדענקן - 'זכור ואל תשכח את אשר הקצפת' פארגעס נישט אז דו האסט דערצערנט דעם אויבערשטן. מען דארף נישט ווערן דערפון מרה שחורה'דיג, אבער פארגעס נישט! האסט געהאט א יוגנט!

האסט געהאט א צעהן יאר; און צוואנציג יאר; און דרייסיג יאר, איצטער - דו ביזט שוין אן אכציגער; א ניינציגער, מען גיט דיר אפ כבוד, מען שטעלט זיך אויף פאר דיר, אבער געדענק! אז דו געדענקסט נישט, גיט מען א קער איבער די קערה על פיה, אה - דא האסטו דיין יוגנט, דו נעמסט זיך איבער אויף די עלטער און דעם יוגנט האסטו שוין פארגעסן?

דער דמיון איז אזוי גרויס, אז ער קען זיך אויסמאלן אויף דער עלטער (כך וכך) און עס איז נאר א דמיון, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן ניצול ווערן פון אלע דמיונות! עס איז א געוואלדיגע סכנה!

דאס איז אלץ גערעדט געווארן אז מען פארגעסט! פארגעס נישט! רעד זיך אוים פאר השי"ת דו זאלסט נישט פארגעסן! אז דו ועסט נישט פארגעסן וועסטו נישט ארייגפאלן אין די דמיונות.

עס איז א געוואלדיגע סכנה, דער בעל דבר האט זיך אסאך וועגן ווי אזוי צו כאפן א מענטשן; איינעם כאפט ער מיט דמיון, ער מאכט אים א גוטן עלטער - ער קען מאכן א גוטן עלטער אויך, לערן און דאווען, און זיין כוונה איז - דו זאלסט פארגעסן פון דעם יוגנט, ממילא וועט ער נישט תשובה טאן.

אבער אז ער וועט נישט פארגעסן טאקע אויף דער עלטער - 'אבער איך האב דאך געהאט א יוגנט!' - -

ער (הבעל דבר) וויל דאך דאס נישט, מאכט ער אים מיט דמיונות, 'וואספארא יוגנט? איך בין דאך שוין אין די עולמות!', דער יוגנט? דער יוגנט?! - דארף מען זיין א חכם, נישט לאזן זיך נארן, און גערענקן!

❖

## א מת קען האבן גאות

- [דער רבי האט געזאגט:] **'א מת קען האבן גאות: ער האט א שיינע לויה!'**

**מען רעדט דא קעגן דעם עלטער, אפילו מען איז דאך שוין גארנישט** (- א מת) **- 'א שיינע לויה' קען איך אויך האבן גאות!** (רמ"ב: בשעת ער איז א נפטר האט ער גאות, אדער פריער לעבעדיגערהייט? רנ"ב: שפעטער בשעת ער ליגט שוין. רח"ש: עד זיבולא בתרייתא) **ער ליגט שוין, מען מאכט הספדים, צדיק, דאס, בוידעם...**

(רמ"ב: דערפאר איז טאקע געווען א קפידא נישט מספיד זיין?)

(רלו"י פונה לר' משה בינענשטאק:) **פארוואס האסטו צוגעלאזט מאכן א הספד אים**[לט] (ר' יוסף ארליך)**?** (רמ"ב: איינער האט דארט געזאגט: אין שלחן ערוך שטייט מען זאל מספיד זיין, און פון אים האט מען גארנישט געהערט אז מען זאל נישט מספיד זיין!) **מעשה'ס...**

(רמ"ב: מען האט אים געשריגן: 'דו זאלסט וויסן אז דו ביסט א נפטר, דו זאלסט זיך נישט לאזן נארן, מען וועט דיר צושטעלן דארטן אויף יענער וועלט אנדערע רבי'ס, זאלסטו גיין נאר צו דער רבי'ן' - אזוי האט ער געשריגן פאר אלעמען. האבן די גערער שוין געזאגט אז ער ער מאכט א חסיד'ישער הספד). **מען פלעגט זאגן** (כנ"ל) **אבער נישט ביי א הספד, מען פלעגט זיך אנבייגן אין קבר זאגן די ווערטער.**

❖

## א 'שעה' פון יציאת נשמה ביז די קבורה!

(רנ"ב: מען פלעגט לייגן א ליקוטי מוהר"ן ביי די מיטה?) **ניין! ניין!**

---

[לט] ר' יוסף ארליך, מחשובי אנ"ש, ממייסדי העיר בני ברק, היה לו קופת החסד שהיה מחלק לאנשי ירושלים ובני ברק ובעיקר לאנ"ש, נפטר י"ח תמוז - ערב שבת פר' פנחס העבר. ראה עוד אודותיו בטעם זקנים קונטרס ע"א.

(רנ"ב: ר' איטשע מאיר [קורמאן] איז געלאפן געכאפט א ליקוטי מוהר"ן ביי ר' אברהם'ס מיטה!) **שוין...** **ביי אונז מאכט מען נישט קיין הספדים - אז מען זאגט אויף א נפטר א זאך וואס ער האט עס נישט, שטעכט עס אים דארטן, שטעכט אים דארטן!**

(רמ"ב: ער האט געזאגט א ווארט זיינער וואס ער האט געשריבן אין ספר!) **פארוואס דארף ער דאס איבערזאגן?**

**דא** (בירושלים) **שטייען אידן פון האלב עלף ביז איינס אזייגער אויפן פלאץ, אידן האבן זיך ממש געקאכט, און דארטן מעג מען מאכן הספדים? די אידן זענען נישט קיין מענטשן?!**

**אפילו די חברה קדישא אליין איז דאך אויך אויף זיי א רחמנות - עס איז געקומען צו פארן האלב עלף די חברה קדישא און געשטאנען דארט, עס איז דאך א געוואלד, און מען האט אין זיך אזא מין גראבקייט.**

**אידן שטייען אין ירושלים, שטייען און ווארטן אינדרויסן, מען קוקט ארויס - און דא מאכט מען הספדים - דעמאלט ווען דער רבי'נס זאך איז נישט געווען קיין הספדים.**

**מען זעהט דאך אז די ספדנים אין חז"ל האבן אויך מדייק געווען יעדן ווארט, 'ספדנים' - געווען גרויסע מענטשן, האבן זיי מדייק געווען, דעם אזוי, דעם אזוי - נישט סתם אזוי געזאגט, זיי האבן מער מדייק געווען וואס מען זאל זאגן, אבער זאגן אויף די נפטר א זאך, עס איז דאך א געוואלד!**

(למשל:) **זאגן 'צדיק' -** (יענער ליטווישער) **רב האט געמאכט א הספד - מסתם האט ער געשריגן: צדיק! און א נפטר אז מען זאגט אויף א סתם אידן 'צדיק', שטעכט מען אים מיט מעסערם, מיט מעסערם שטעכט מען אים! דארטן לאכט מען זיך אוים פון די אלע מעשיות[ם].**

**ער האט מיר געזאגט - הערש לייב** (ליפל) **- איך ווייס וואו ער האט עס גענומען!? - אז מען זאגט דא 'מורנו', זאגט מען דארטן - שקרן! - 'מורנו ורבינו', זאגט מען 'שקרן וכזבן'! אז מען זאגט: 'מורה מורנו', איז 'שקרן וכזבן'! 'מורנו' אליין איז 'שקרן'!**

---

[ם] וראה מה שכתב הרה"ג ר' אלחנן ספעקטור זצ"ל לבנו ר' דוד שלמה ז"ל וז"ל: 'אצלי לכלימה ולבזיון גדול הוא את בתיבת "רב" בלבד מכ"ש הרהגה"ח וכו', **בעלמא דקשוט אף רבנים אמיתיים מתייראים מתואר "רב"!**. הדברים אצלי בוטים כחרב מדקירים, ודמי נשפך כמים, וליבי נקרע בקריעות שאינם מותאחים, השי"ת יחוס וירחם... (גנזי אבא)

שוין, מען זאל נישט נתפעל ווערן אז מען זאגט אים מורנו, אבער על כל פנים, אז א מענטש איז א נפטר, זאל מען דעמאלט זאגן זאכן וואס עס איז נישט שייכות צו אים?!

ווייטער, פארוואס מאכן נישט די חסידים קיין הספדים? ווייל חסידים היטן זיך צו זאגן קיין שבחים וואס ער האט נישט אין זיך.

און נאך א זאך איז דא - אזוי שטייט אין זוהר הקדוש: בשעת דער מענטש לעבט האט ער זיין לבוש, יעדער האט א לבוש, אזוי ווי ער גייט ארויס - דער נפש, נעמט מען אים שוין צו דעם לבוש - דארף מען אים אנטוהן דעם לבוש (עליון), און דעם לבוש טוט מען אים נישט אן פאר מען איז אין קבר, איז ער ערטלאי, אן א לבוש, האט ער א געוואלדיגן צער -

דעם לבוש וואס ער האט געהאט האט מען אים צוגענומען, און דעם לבוש וואס מען דארף אים געבן - ער האט דאך געטאן עפעס מעשים טובים, וואספארא לבוש ער האט (אפילו גרוע) - אבער ער האט דאך עפעס א לבוש, טוט מען אים דאס אן. (אבל קודם הקבורה אין נותנים לו לבוש) ווייל ער איז דאך נאך אין דעם הבל פון דער וועלט, (והנפש מתמרמרת:) 'וואס ווילט איר פון מיר האבן? איך וויל שוין אריינגיין דארטן אין קבר!'

נאך - זאגט דער זוהר הקדוש, אז דער נפש - ער גייט ארויס פון מענטשן - קען ער נישט סובל זיין די וועלט קיין רגע אויך נישט, ער קען נישט סובל זיין אינגאנצן די וועלט - וויל ער בעסער זיין אינגאנצן נעלם פון דער וועלט, ווי (נאר) ער איז אין קבר איז ער נעלם פון דער וועלט!

איך האב דא א ספר, ברענגט ער פון ר' מענדעלע וויטעבסקער, האט ער אנגעזאגט, אז פון יציאת נשמה ביז די קבורה זאל נישט געדויערן מער ווי א שעה![מא]

דא האט מען געמאכט - דער מענטש איז געלעגן זעקס און צוואנציג שעה אין א מקרר[מב] (פריזשידער), עס איז דאך א געוואלדיגער צער פארן נפטר!

❦

[מא] מובא בצוואתו, נדפס בסוף ספר פרי הארץ, וז"ל שם סעי' א': "מעת יציאת נפשי אבקש מהחברה קדישא שעד שעה בדקדוק בל ימצא גופי בזה העולם בשום אופן בעולם!", ובהמשך שם סעי' ח' כותב: "בל יעשו אתי הקפות כי יתארך הזמן יותר משעה!".

[מב] משום שנפטר בערב שבת, ורלוי"צ טען שאינו נכון שאחר שהיה מונח בלי קבורה כל השבת עוד מאריכים בהספדים.

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **צבי אלימלך ראפאפארט** הי"ו מאנסי יצ"ו לרגל שמחת **הולדת הבן** למזל טוב | מוה"ר **אברהם דוד שווארטץ** הי"ו וויליאמסבורג יצ"ו לרגל שמחת **אירוסי בתו** החתונה תתקיים בשעטומ"צ ב' שלח באולם פרדס פיגא למזל טוב | מוה"ר **שמשון אליהו ווייס** הי"ו וויליאמסבורג יצ"ו לרגל שמחת הכנסת בנו **משה** לעותומ"צ למזל טוב | לעילוי נשמת מו"ה **יעקב הכהן** ע"ה ב"ר **שמואל** הי"ו תנצב"ה |

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה